**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 10 מיליאן דאלערדיגע פובליק זיכערהייט געביידע אין אובורן

***טעכנאלאגיש פארגעשריטענע 29,600 סקווער פיסיגע געביידע וועט זיין דער וואוינארט פון אובורן פייער דעפארטמענט און דער קאיוגע קאונטי עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער***

***טראנספארמירט געוועזענע אויסגעליידיגטע סטריפ מאָל אין הארץ פון דאונטאון אויף אינאיינעמ׳דיגע פובליק סעיפטי בנין***

***דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו פינאנצירט הויפט אונטערצינד פראיעקט אויף ווידער-אויפצולעבן אובורן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון א 10 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט פאר א נייע אינאיינעמדיגע פובליק סעיפטי בנין אין אובורן. דער 29,600 סקווער-פיסיגע בנין, פינאנצירט טיילווייז דורך דער שטאט׳ס [10 מיליאן דאלערדיגע דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו](#) אין 2018, וועט זיין דער וואוינארט פון דער שטאט אובורן פייער דעפארטמענט און דער קאיוגע קאונטי עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער אין אן אינאיינעמדיגע פלאץ וואס וועט גיבן פאר עמערדזשענסי אפרופער מיט מאדערנע אייגנשאפטן און אויסריכטונגען אין הארץ פון אובורן׳ס דאונטאון.

"לענגאויס ניו יארק אינוועסטירן מיר אין אונזערע קאמיוניטיס צו פארזיכערן אז זיי האבן לעבהאפטע דאונטאון געגנטער וואס סערווירן די געברויכן פון איינוואוינער און באזוכער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אובורן׳ס נייע מיטגעטיילטע פובליק סעיפטי בנין איז א געווינס פאר יעדן, אזוי ווי די ארטיגע עמערדזשענסי רעספאנדערס זענען איצט צוגענגליך פלאצירט אין א נייע מאדערנע איינריכטונג אין הארץ פון דער ווידער-אויפגעלעבטער דאונטאון. דאס איז ווייטער נאך א גרויסער ביישפיל פון וויאזוי אונזער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו מאכט ערפאלג מער צוגענגליך לענגאויס ניו יארק סטעיט."

דער פראיעקט האט באקומען 2 מיליאן דאלער פון דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (DEC) ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס גרענט פראגראם און 1.2 מיליאן דאלער פון דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָװ סטעיט אלס טייל פון דער DRI. דער פראיעקט האט אריינגערעכנט פולקאם רענאווירן א 17,800 סקווער פיסיגע ליידיגע אינער-שטאטישע סטריפ-מאָל און לייגט צו א ניי-געבויטע 11,800 סקווער-פיסיגע אפאראטוס בעי אין וועלכן עס וועט זיין פלאצירט פייער דעפארטמענט אפאראט, זיכערהייט אויסריכטונגען, טרענירונג און מעדיצינישע סופלייס און מאדערנע אפריינונג ערטער פאר פייער לעשער.

די שטאט און קאונטי האבן אן אינאיינעמדיגע רעזאלוציע צו שטיצן די קאונטי עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער (EOC) וואס אפערירט פון די נייע פייער סטאנציע. דער נייער מאדערנער EOC וועט סערווירן אלס א פובליק סעיפטי קלאסצימער פאר שטאט און קאונטי פאליציי און עמערדזשענסי פארוואלטונג

אגענטורן אויף א טאג-טעגליכע באזיס. דער EOC קען אקטיווירט ווערן זיך אפצורופן צו דיזעסטערס אדער פובליק געזונטהייט עמערדזשענסיס.

**ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ראזעננע ראסאדא האט געזאגט,** "דער דאזיגער פראיעקט איז א פערפעקטער ביישפיל פון וויאזוי דער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו דינט אלס אונטערצינד-כוח פאר די טראנספארמאציע פון אונזערע געגנטער. די דאזיגע פובליק סעיפטי געביידע ציגט אויף וויאזוי איבער דערוואוקסענע א געוועזענער און אויסגעליידיגטע, אונטערבאניצטע ארט אין הארץ פון אובורן׳ס דאונטאון געגנט קען מאכן מער לעבהאפטיג א קאמיוניטי דורך צושטעלן א מאדערנער און צוגענגליכער פלאץ פאר די עמערדזשענסי אפרופער פון דער שטאט און קאונטי׳ס עמערדזשענסי אפרופער."

**DEC קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט׳ס ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס גרענט פראגראם גיבט פאר ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן די טעכנישע שטיצע און הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן אויף צו נעמען ארטיג-געטריבענע אקציע זיך צוצופאסן צו די שווערע ווירקליכקייט פון קלימאט ענדערונג. DEC שטאלצירט זיך צו האבן געארבעט מיט דער שטאט אובורן און קאיוגע קאונטי, ווי אויך אונזערע ניו יארק שותפים ביי דער דעפארטמענט אויף סטעיט און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, און אנדערע צו העלפן ליפערן די דאזיגע קריטיש-וויכטיגע עמערדזשענסי גרייטקייט פראיעקט פאר דער קאמיוניטי."

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ טשיף אפערעיטינג אפיסער און עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער קעווין יוניס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט׳ס שטאט צענטערס שפרינגען צוריק אויף צו לעבעדיגקייט, טיילווייז אדאנק די סטראטעגישע און געצילטע אינוועסטירונג שטיצע געגעבן דורך דער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער נייער איינריכטונג, א געוועזענע אויסגעליידיגטע סטריפ-מאָל, איז איצט א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע צענטער פון פובליק זיכערהייט, צושטעלנדיג אובורן׳ס נייטיגע ערשטע רעספאנדערס מיט אלעס וואס זיי דארפן צו טוהן זייערע דזשאבס אויפ׳ן בעסטן אופן."

**סענאטאר דזשאן דאָבליו. מעניאן האט געזאגט,** "די שטאט אובורן׳ס נייע פובליק סעיפטי געביידע איז א זיג פאר די סטעיט און ארטיגע פלאנירונג. דער נייער וואוינארט פאר די אובורן פייער דעפארטמענט׳ס סטאנציע נומער 1 שטיצט דאונטאון ווידער-אנטוויקלונג באמיאונגען און גיבט עמערדזשענסי פערסאנאל די טעכנאלאגיע און איינריכטונגען וואס זיי דארפן אויף צו קענען אויספילן זייער אויפגאבע. א יעדע איינוואוינער פון אובורן און קאיוגע קאונטי וועלן בענעפיטן פון די מאדערניזאציע און איך שטרעק אויס מיין דאנקבארקייט צו גאווערנער האקול פאר איר פעסטע און אומוואקלדיגע שטיצע פאר דער פראיעקט."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן לעמאנדעס האט געזאגט,** "עס פריידט מיט צו זעהן אז ניו יארק סטעיט אנערקענט די געברויכן פון צענטראל ניו יארק, און אינוועסטירט דערין ווי עס באדארף צו זיין. די מענטשן פון קאיוגע קאונטי קומט זיך די אבסאלוט בעסטע וואס אונזער רעגירונג האט אנצובאטן, און דער אינוועסטירונג וועט גיין א ווייטער וועג צוצושטעלן א זיכערע צוקונפט פאר יעדן אין דער שטאט אובורן און קאיוגע קאונטי."

**אובורן מעיאר מייקל ד. קוויל האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז די ארבעט פון פילע יארן און דער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט האט אונז ערמעגליכט עס זאל געשעהן. מיט דעם פראיעקט האבן מיר אריבערגעצויגן אונזער הויפט פייער סטאנציע, אינוועסטירט אין פארבעסערטע עמערדזשענסי פארוואלטונג סיסטעמס און ווידער-אויפגעלעבט א געגנט אויף אונזער דאונטאון׳ס צפון עק. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון די דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו אין פארלויף פון די יארן און פאר זיכער מאכן אז די עקאנאמישע אנטוויקלונג פאר אפסטעיט שטעט ווי אובורן זענען ביים שפיץ פון איר פראריטעט ליסטע."

אובורן איז דערקלערט געווארן א DRI רונדע 3 געווינער אין יולי 2018. אובורן איז די צווייט-גרעסטע שטאט אין צענטראל ניו יארק. לעצטיגע פובליק און פריוואטע אינוועסטירונג, לאקאלע פראנירונג באמיאונגען, און קאפיטאל אינפראסטרוקטור פראיעקטן האבן אונטערגעצינדן דער שטאט׳ס דאונטאון ווידער-אנטוויקלונג.
דער אובורן סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן פירט ווידער-אויפלעבונגס פראיעקטן צו אוואנסירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון און איסצוניצן און פארברייטערן אויף דעם סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. די DRI אינוועסטירונג געגנט איז קאנצענטרירט לענגאויס דער שטאט׳ס טייך-ברעג, טראנספארטאציע קארידארן, און קונסט דיסטריקטן, וועלכע באזארגן די מערסטע פאטענציעל אויף ווידער-אויפלעבן אויסגעלייידיגטע פּראָפּערטיס און אויף צו פארבעסערן דעם קארידאר.
אובורן זוכט צו האלטן דעם מאמענטום פון לעצטיגע אנטוויקלונגען דורך פאררעכטן א היסטארישע דאונטאון געגנט געשעדיגט דורך אינער-שטאטישע באנייאונג, און ווידער-אויפלעבן אויסגעלייידיגטע ׳בראונפיעלד׳ און טייך-ברעג פראפערטיס. אויף איסצוניצן DRI געלטער, האט די שטאט פירערשאפט אויפגענומען מיט פרייד דעם "This Place Matters#" קאמפיין צו דערגרייכן 40 מיליאן דאלער פון פובליק-פריוואטע געלטער צו אינוועסטירן אין דאונטאון געגנט.

**פארשנעלערן "CNY רייזינג"**

דער דעוועלאפמענט דערגאנצעט "CNY רייזינג", דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט אויף צו שאפן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפּרענעורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. דער ראיאן טוט איצט פארשנעלערן "CNY רייזינג" מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך דער אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וועט אינצענטיוויזירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 5,900 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

**וועגן דעם דאונטאון ווידער-אויפלעבונגס איניציאטיוו**

דער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו איז איינגעפירט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די ווידער-אויפלעבונג פון דאונטאונס און געגנטער צו סערווירן אלס צענטערס פון אקטיוויטעט און קאטאליסטן פאר אינוועסטירונג און אלע צען ראיאנען פון דעם סטעיט. דער איניציאטיוו פארטרעט א פרעצעדענטלאזע און המצאה׳דיגע פלאן-צו-טון סטראטעגיע וועלכע באהעפט סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג.

אין די ערשטע פיר יאר פון דעם פראגראם האט דער סטעיט פארשפראכן 400 מיליאן דאלער צו אינוועסטירן אין דאונטאונס וועלכע זענען גרייט פאר ווידער-אויפלעבונג און האבן די פאטענציעל צו ווערן מאגנעטן פאר ווידער-אנטוויקלונג, ביזנעס, דזשאב שאפונג, און גרעסערע עקאנאמישע און האוזינג דיווערסיטעט און געלעגנהייט. די פינפטע רונדע פון דער DRI וועט האבן נאך א 200 מיליאן דאלערדיגע פארשפרעכונג. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. א יעדע קאמיוניטי ווערט באשאנקען לכל הפחות 10 מיליאן דאלער צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און איינפירן הויפט אונטערצינד פראיעקטן וועלכע פירן אויף פאראויס די קאמיוניטי׳ס בליק פאר ווידער-אויפלעבונג.

דער איניציאטיוו ווערט אנגעפירט דורך ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ראזעננע ראסאדא. קאמיוניטיס באקומען שטיצע פון פריוואטע סעקטאר מומחים און א מאנשאפט פון סטעיט אגענטור שטאב אנגעפירט

דורך דעם דעפארטמענט אוו סטעיט אין נאנט צוזאמענארבעט מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און דער סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל.

**וועגן די ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס (CSC) גרענט פראגראם**

דער ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס (CSC) גרענט פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צוצושטעלן 50/50 פארגלייכונג גרענטס צו שטעט, טאונס, ווילעדזשעס, און קאונטיס פון די סטעיט ניו יארק און באראס פון ניו יארק סיטי פאר בארעכטיגטע פראיעקטן צו לינדערן, צופאסן, פלאנירן, און אפשאצן קלימאט ענדערונג. פינאנצירונג איז צו באקומען פאר צוויי ברייטע קאטעגאריעס — איינפירן און באשטעטיגן. די ערשטע פראיעקט קאטעגאריע שטיצט דאס איינפירן פראיעקטן פארבינדן מיט די רעדוקציע פון גרינהויז גאז ארויסלאז אינדרויסן פון די ענערגיע קראפט סעקטאר (טראנספארטאציע, מעטהעין, און רעפרידזשעראנטן) און קלימאט ענדערונג צופאסונג (ווי צ.ב.ש. רעדוצירן פלייצונג ריזיקע, העכערן נאטורליכע באפעסטיגונג, צוגרייטן פאר עקסטרעמע היצן אדער פארקומענישן, ווי אויך דאס אוועקציען אדער צוריק-צופאסן קריטישע אינפראסטרוקטור, און פארבעסערן עמערדזשענסי גרייטקייט). די צווייטע קאטעגאריע שטיצט פלאנירונג און אפשאצונג פראיעקטן אין איינקלאנג מיט ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטיס סערטיפיקעישען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן